# יוסעלע דער גנב



פאר סיי וועלכע שאלות אדער הערות, אדער אויב איר
ווילט ארויסהעלפן מיט די הוצאות פון ארויסגעבן די ביכער,
קענט איר אונז שטענדיג שיקן א טעקסט אדער איבערלאזן א
וואויסמעיל ביי: .0616–635 (718)

© 2026 All rights reserved.

דער הייליגער שפאלער זיידע זי״ע איז געזעסן מיט זיינע חסידים און געזאגט: ״לאמיר אייך דערציילן א מעשה.״ אלע האבן זיך צוגערוקט נענטער און זיך צוגעהערט צום הייליגן זיידן.



© 2026 All rights reserved.

ווייט אוועק, אין א פינצטערן ווינקל פון שטאט, איז געזעסן א גרופע גנבים. זיי האבן געוואלט באגנב'ענען די קירכע פון אירע טייערע גאלדענע כלים. אבער די טירן זענען געווען גוט פארשלאסן, און עס איז נאר געווען איין קליין פענסטער, זייער הויך אויבן.



© 2026 All rights reserved.

פלוצלינג האט איינער פון זיי געזאגט: "איך ווייס ווער עס קען יא אנקומען אהין! יוסעלע דער גנב!" יוסעלע איז געווען א איד, און ער פלעגט טון די זאכן וואס די אנדערע גנבים האבן מורא געהאט צו טון. דער הויפט פון די גנבים איז אליין געגאנגען צו יוסעלע זיך איינבעטן ער זאל מיטקומען מיט זיי.



© 2026 All rights reserved.

אינמיטן נאכט זענען זיי שטילערהייט צוגעגאנגען צו דער קירכע. יוסעלע איז געגאנגען פאראויס מיט א פינגער אויפן מויל: ״שא...״



© 2026 All rights reserved.

יוסעלע האט ארויפגעווארפן זיין שטריק און אנגעהויבן קריכן אויף דער וואנט, העכער און העכער, ביז ער איז צוגעקומען צום קליינעם פענסטער. די גנבים האבן געווארט אונטן.



© 2026 All rights reserved.

בס"ד

פלוצלינג — וועכטער! די גנבים האבן אלעס אראפגעווארפן און זענען אנטלאפן. און יוסעלע? ער איז נאך געווען אינעווייניג.



© 2026 All rights reserved.

# דער שלעכטער גלח, דער הויפט פון דער קירכע, איז ארייינגעלאפן מיט א לאמטערנע.



© 2026 All rights reserved.

בס״ד

# די וועכטער האבן ארויפגעלייגט קייטן אויף יוסעלע און אים אוועקגעפירט.



© 2026 All rights reserved.

אין דער פינצטערער תפיסה האט זיך דער גלח צוגעבויגן צו יוסעלע. מיט א זיסן שמייכל און א זעקל געלט אין די האנט האט ער געזאגט: ״יוסעלע, איך קען דיר ראטעווען דאס לעבן. טויף זיך און ווער א קריסט. ווער איינער פון אונז, און דו וועסט זיין פריי און רייך.״



© 2026 All rights reserved.

יוסעלע האט אפילו נישט געטראכט קיין איין רגע.
ער האט אויפגעהויבן זיינע פארקייטלטע הענט און
אויסגערופן: ״איך בין טאקע יוסעלע דער גנב, פול
מיט עבירות — אבער א איד בין איך נאך אלץ, און א
איד וועל איך בלייבן!״



© 2026 All rights reserved.

בס״ד

מען האט יוסעלע ארויסגעפירט אויף א הויכער פלאטפארמע, וואו הונדערטער מענטשן זענען געשטאנען און צוגעקוקט. יוסעלע איז געשטאנען שטאלץ מיט א שמייכל אויפן פנים.



© 2026 All rights reserved.

נאכאמאל האט זיך דער גלח צוגעבויגן צו אים, בעטנדיג ער זאל אויפגעבן זיין אידישקייט, אבער יוסעלע האט אפילו נישט אויסגעדרייט דעם קאפ. א ליכטיגקייט האט געשיינט אויף זיין פנים.



© 2026 All rights reserved.

מען האט שוין צוגעגרייט דעם פייער. יוסעלע איז געשטאנען רואיג, זיין קאפ איז געווען אויפגעהויבן און זיינע אויגן האבן געקוקט צום הימל.



© 2026 All rights reserved.

מען האט אנגעצינדן די ברענעדיגע פלאמען. יוסעלע האט צוגעדעקט זיינע אויגן מיט דער רעכטער האנט און אויסגערופן: ״שמע ישראל ה׳ אלקינו ה׳ אחד!״ און מיט דעם ווארט ״אחד״ איז זיין הייליגע נשמה ארויסגעגאנגען על קידוש השם.



© 2026 All rights reserved.

בס״ד

אינעם בית החיים אין שפאלע האט מען אויפגעשטעלט א מצבה, און אויף דער מצבה זענען געווען אייגעקריצט די ווערטער:

״פה נטמן יוסף הגנב הקדוש״
(דא ליגט יוסף דער הייליגער גנב).




© 2026 All rights reserved.

בס"ד

# דער הייליגער שפאלער זיידע זי"ע האט אויפגעהויבן זיין האנט צום הימל און אויסגערופן: "א איד בלייבט אלעמאל א איד, אפילו יוסעלע דער גנב!"



© 2026 All rights reserved.